**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/30/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אנהייב פון ניו יארק סטעיט׳ס אינסטיטוט פאר אימיגראציע אינטעגראציע פארשונג און פּאָליסי צו העלפן אימיגראנטן זיך אריבערציען צו קאמיוניטי לעבן, ווייטער-ציען זייער בילדונג און דעם ארבעטסקראפט**

***ראט קאמיטע פון קאמיוניטי פירער פעסטגעשטעלט צו שטעלן אין גאנג היסטארישע פּאָליסי אנטוויקלונג און אויסוועלן אן עקזעקיוטיוו דירעקטאר און געהילף דירעקטאר אין די קומענדע מאנאטן.***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס איינפירן ניו יארק סטעיט׳ס אינסטיטוט פאר אימיגראנט אינטעגראציע פארשונג און פּאָליסי צו העלפן אימיגראנטן זיך אריבערפירן צו קאמיוניטי לעבן, ווייטער פירן בילדונג און דעם ארבעטסקראפט. די אינסטיטוט, וואס באקומט פינאנצירונג אין דעם פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט, וועט פלאצירט ווערן ביים ראקעפעלער אינסטיטוט פון רעגירונג, דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק׳ס פובליק פּאָליסי געדאנק-טאנק. די מעלדונג קומט אין צוזאמענהאנג מיט׳ן אויסוועלן א ראט קאמיטע פון קאמיוניטי פירער, וואס וועט שטעלן אין באוועגונג היסטארישע פּאָליסי אנטוויקלונג און אויסוועלן אן עקזעקיוטיוו דירעקטאר און געהילף דירעקטאר אין די קומענדע חדשים.

״ניו יארק איז געבויט געווארן אויף די שווערע ארבעט און אנטשלאסנקייט פון דורות אימיגראנטן, און דער אינסטיטוט וועט ארבעטן אויף צו פארבעסערן די לעבנס פון די וואס זוכן צו בויען בעסערע לעבנס פאר זיך און זייערע פאמיליעס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דורך אפשאפן די באגרעניצונגען פאר נייע ניו יארקער, קענען מיר העלפן זיי בעסער זיך אינטעגרירן אין ניו יארק קאמיוניטי און האבן צוטריט צום ניו יארקן טרוים.״

ביים אנקומען, מוטשען זיך אפטמאל אימיגראנטן צו לערנען ענגליש, העלפן זייערע קינדער זיך אסימילירן אין סקול, געפונען זיכערע און צוגענגליכע האָוזינג, זיכערע דזשאָבס מיט א לעבנס-אויסהאלטנדע געהאלט, זיכערע טראנספּארטאציע צו פארן צו יענע דזשאָבס, און צוטריט צו סערוויסעס פאראן — אפטמאל פאר מורא פון דעפּארטאציע. די אינסטיטוט׳ס עקזעקיוטיוו דירעקטאר און געהילף דירעקטאר וועט אנאליזירן עכט-צייטיגע אימיגראציע, עקאנאמישע, ארבעטסקראפט, און אנדערע דאטא און אידענטיפיצירן פאטענציעלע לייזונגס-מיטלען פאר פּאָליסי-שאפער צו העלפן בויען אויפ׳ן סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו שטיצן אימיגראנטן פון יעדן עלטער, נאציאנאליטעט, און הינטערגרונדן.

דאס גרונדן דעם אינסטיטוט פאלגט נאך גאווערנער האוקול׳ס מיסיע צו באשיצן אימיגראנטן, אריינגערעכנט די וועלכע זענען אומדאקומענטירט, וועלכע זענען געצוואונגען געווען צו פארלאזן זייערע היימלענדער. אין אקטאבער 2021, האט דער גאווערנער אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.343-A/A.3412-A) צו קלאסיפיצירן געוויסע סטראשונגען צו באריכטן א מענטש׳ס אימיגראציע סטאטוס אלס

עקסטאָרשען אדער באצווינגונג אונטער ניו יארק געזעץ. זי האט געעפנט בילדונגס און האָוזינג געלעגנהייטן צו העלפן פליטים פון אפגאניסטאן און אוקריינע.

לויט דער ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַבילעטי הילף (OTDA), 900 פליטים און ספעציעלע אימיגראנט וויזע (SIV) האלטער זיך ווידערבאזעצן אין ניו יאָרק סטעיט אין 2021, הויפטזעכליך פון דעם דעמאקראטישן רעפובליק פון דעם קאנגא, סיריע, אפגאניסטאן און בורמא. אין די לעצטע 12 חדשים, זענען לכל הפחות 1,300 אפגאניסטאנע פליטים זיך אויך באזעצט אין ניו יארק סטעיט.

**אסעמבלי-מיטגליד קאטאלינע קרוז האט געזאגט,** ״איך שטאלציר מיך צו האבן געפירט דער באמיאונג צו שאפן דעם אינסטיטוט, וואס וועט זיך קאנצענטרירן אויף העלפן בעסער שאפן פּאָליסיס וואס וועלן פארבעסערן די סאציעלע, עקאנאמישע און פאליטישע אינטעגראציע פון אונזער סטעיט׳ס גרויסע און וואקסנדע אימיגראנט קאמיוניטיס. SUNY׳ס אומגעהויערע קוועלער פון טאלאנט און מבינים אין פארבינדענע געביטן איז א פארשפרעכונג פון אויסגעצייכנטע פארשונג און פּאָליסי רעקאמענדאציעס וואס וועלן פארבעסערן די לעבנס פון אלע ניו יארקער. די שטארקע פינאנציעלע שטיצע פארזארגט פאר׳ן אינסטיטוט דורך אסעמבלי ספיקער קארל אי. היעסטי און דער אסעמבלי מאיאריטעט איז א ריזיגע טריט אין וייטער פארזיכערן ניו יארקער פירערשאפט אין דעם לאנד נישט בלויז אין אויפנעמען אימיגראנטן נאר אויך אין ארבעטן צו פארזיכערן אז זיי ערפילן זייער אמעריקאנעם טרוים.״

**SUNY צווישנצייטיגע קאנצעלאר דעבארע עף. סטענלי האט געזאגט,** ״SUNY קאמפוסן באשטייען פון איינע פון דער וועלט׳ס מערסט פילפארביגע לערנונג געלעגנהייטן, און אויפנעמען סטודענטן פון אלע סארטן לעבנס, לענדער און הינטערגרונדן. מיר זענען פארעהרט צו האבן דעם ראקעפעלער אינסטיטוט פון רעגירונג האלטן דעם אינסטיטוט און פארגרינגערן איר מערסט נייטיגע ארבעט צו פאראויס-פירן אונזער סטעיט׳ס לאנגיעריגע אנטשלאסנקייט צו שטיצן און אויפנעמען אימיגראנטן און פארזיכערן זייער ערפאלג. איך דאנק גאווערנער האוקול און דער לעגיסלאטור — איבערהויפט אסעמבלי מיטגליד קאטאלינע קרוז — פאר׳ן ערפילן א קריטישער פּאָליסי נויט דורך דאס שאפן פון דעם אינסטיטוט און אויך אויסשטרעקן מיין דאנקבארקייט צו אונזערע געעהרטע ראט קאמיטע מיטגלידער פאר זייער סערוויס.״

דער אינסטיטוט׳ס ראט קאמיטע איז ברייט-באזירטע גרופע פון אנגעזעענע פירער וועלכע ברענגען א רייע דורכלעבענישן און באציאונגען, ווי אויך א מיטגעטיילטע אנטשלאסנקייט צו אימיגראציע אינטעגראציע צום אינסטיטוט׳ס ארבעט. די ראט קאמיטע — וואס וועט אויך פארזארגן דעם אינסטיטוט מיט אנווייזונג און רעקאמענדאציעס וואס אנבאלאנגט פארשונג, פראגראמירונג, געלט-שאפן געלעגנהייטן און קאמיוניטי צוזאמקונפט פראגראמען — רעכנט אריין:

**ווילמע אלוואראדא-ליטעל, MA, MSW, דירעקטארין פון מינאריטעט געזונטהייט און געזונטהייט אומגלייכקייט פארמיידן, NYSDOH**

**דר. לאורא אנקער, פראפעסארין פון אמעריקאנע שטודיעס, SUNY אולד וועסטבורי**

**מוראד אוואודע, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון ניו יארק אימיגראציע קאאליציע**

**מארקאס קרעספא, באָורד טראָסטי, SUNY**

**דר. אייזעק עהליך, פראפעסאר פון עקאנאמיקס אין אוניווערסיטעט פון באפעלאו**

**לוסיע גאמעז, פאליטישע דירעקטארין פון ניו יארק סיטי צענטראלע לעיבאָר קאונסיל, AFL-CIO**

**לאורא גאנזאלעס-מורפי, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון אפיס פאר נייע אמעריקאנער, ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון סטעיט**

**ראמאנע הערנאנדעז, דירעקטארין פון דעם CUNY דאמיניקען שטודיעס אינסטיטוט, CUNY**

**פאאלא מארטינעז, קאמיוניטי ארגאניזירער**

**צעזאר פעראלעס, באָורד פון טראָסטיס וויצע פארזיצער, SUNY**

**דר. דינע רעפקי, דירעקטאר פון דעם צענטער פאר פרויען אין רעגירונג און ציווילע געזעלשאפט, אוניווערסיטעט ביי אלבאני**

**דזשעניפער ריזא-טשאו, עקזעקיוטיוו דירעקטארין, אינטערנאציאנאלע אינסטיטוט פון באפעלאו**

**דזשאו-ען יו, עקזעקיוטיוו דירעקטארין ון דעם אזיאנער אמעריקאנער פעדערעישען**

**אוניווערסיטעט ביי אלבאני דירעקטארין פון דעם צענטער פאר פרויען אין רעגירונג און ציווילע געזעלשאפט דר. דינע רעפקי האט געזאגט,** ״דער אינסטיטוט וועט אקופירן אן אייגנארטיגן ווינקל אין דעם אימיגראנט אינטעגראציע לאנדשאפט. עס איז אויסגעשטעלט אויף צו פארשטערקערן די צוגרייטונג פון סטודענטן אינטערעסירט אין נאכיאגן אינטעגראציע ארבעט און פארבעסערן די טרענירונג פון דעם קומענדיגן דור פון אימיגראנט אינטעגראציע פראפעסיאנעלן. עס וועט אויפטרייבן וויסנשאפט וואס זוכט צו פארשנעלערן אימיגראנט ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און פארבעסערן אימיגראנט צוטריט צו געזונטהייט און סאציעלע סערוויסעס. דער אינסטיטוט וועט אויך אינפארמירן ניו יארק׳ס אימיגראנט אינטעגראציע פּאָליסי פראצעדורן דורך פארשונג און דאטא-געטריבענע פּאָליסי אנאליזן.״

**אינטערנאציאנאלע אינסטיטוט פון באפעלאו עקזעקיוטיוו דירעקטארין דזשעניפער ריזא-טשאו האט געזאגט,** ״עס איז מיר א כבוד צו דינען אלס א ראט קאמיטע מיטגליד פון דעם ניי אוועקגעשטעלטן אינסטיטוט פאר אימיגראנט אינטעגראציע פארשונג און פּאָליסי. ניו יארק האט זיך שטענדיג אויסגעצייכנט אין אויפנעמען אימיגראנטן און פליטים אין אונזער סטעיט. ביים אינטערנאציאנאלן אינסטיטוט פון באפעלאו, האבן מיר איבער 100 יאר ערפארונג אין אינטעגרירן אימיגראנטן און פליטים צו אונזער ראיאן, העלפנדיג צו שאפן דעם אייגנארטיגן און פילפארביגן טעפעך פון וועלכע אונזער קאמיוניטי טוט הייזנט געניסן. מיר זענען אומגעהויער שטאלץ אז באפעלאו איז איינע פון די פירער אין דעם סטעיט אין אננעמען און אינטעגרירן אונזער נייע שכנים. מיט׳ן איינפירן דעם גאנץ-סטעיט׳יגן אינסטיטוט, בין איך באגייסטערט צו שפילן א ראלע אין פארזיכערן אז ניו יארק ווערט נאך מער גינציג-פונקציאנירנד אין אויפנעמען פליטים און אימיגראנטן אין אונזערע קאמיוניטיס און ארבעטסקראפט.״

**אזיאנער אמעריקאנער פעדערעישען עקזעקיוטיוו דירעקטארין דזשאו-ען יו האט געזאגט,**״אלס אן אימיגראנט און דער ערשטער אין מיין פאמיליע צו שטודירן אין קאלעדזש אין די פאראייניגטע שטאטן, בין איך פול מיט הרגש און פארעהר צו ווערן געלאדנט צו זיין א טייל פון דער ראט קאמיטע פון SUNY׳ס אינסטיטוט פאר אימיגראציע אינטעגראציע פארשונג און פּאָליסי. די אונטערנעמונג וועט העלפן זיכער מאכן אז אימיגראנטן האבן א שפע פון געלעגנהייטן צו שארפער מאכן זייערע געניטשאפטן און ביישטייערן צו מאכן ניו יארק סטעיט אן אויפנעמענדן ארט פאר אלע נייע אנקומער צו אינאווירן. מיר דארפן נאר קוקן צו היסטאריע צו זען וויאזוי, טראץ די עקספלאטירונג, דיסקרימינאציע, און אומ׳יושר׳דיגע פּאָליסיס וואס האלט צוריק זייער באלאנגען און אינטעגראציע, טוען אימיגראנטן ווייטער שאפן און אויסהאלטן עקאנאמיעס אין קליינע טאונס און גרויסע שטעט לענגאויס דעם לאנד. איך בין שטאלץ צו זיין

א טייל פון דעם אונטערנעמונג וואס צילט צו בויען אויף דער געשיכטע און ערנערן נייע געדאנקען און טאלאנטפולע מענטשן צו פארשטערקערן די סאציעלע און עקאנאמישע סחורה פון ניו יארק סטעיט.״

**איבער דעם ראקעפעלער אינסטיטוט פון רעגירונג**

די ראקעפעלער אינסטיטוט פון רעגירונג איז דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק׳ס פובליק פּאָליסי געדאנק-טאנק, אויספירנדיג טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע פארשונג און אנאליז צו אינפארמירן אנהאלטנדע לייזונגס-מיטלען צו די פראבלעמען וואס ניו יארק סטעיט און דער לאנד שטייט אויס. דער אינסטיטוט׳ס מיסיע איז צו פארבעסערן פעאיגקייטן פון קאמיוניטיס, סטעיט און ארטיגע רעגירונגען, און דער פעדעראלער סיסטעם צו ארבעטן צו אמת׳דיגע באווייז-באזירטע לייזונגס-מיטלען. אלס טייל פון יענע אויפגאבע, טוט דער אינסטיטוט אויסניצן די פארשונג מבינות פון SUNY׳ס 64 קאמפוסן, באהעפטנדיג שטודירער פון לענגאויס דעם סיסטעם און ערמעגליכן פאר׳ן אינסטיטוט צו גיך זיך אוועקצווענדן צו די נייע און אויפשטייגנדע פּאָליסי געביטן. SUNY פראפעסארן זענען אפטמאל אריינגערעכנט אין ראקעפעלער אינסטיטוט גרענט פארשלאגן און דער אינסטיטוט האט א לאנגע רעקארד פון ארבעטן מיט קאמפוסן אויף צוזאמקונפט פראגראמען און פארומען. אין צוגאב, גיבט דער ראקעפעלער אינסטיטוט געלעגנהייטן פאר SUNY סטודענטן מיט׳ן צענטער פאר געזעץ און פּאָליסי לייזונגס-מיטלען אינטערנשיפ פראגראם ווי אויך די צוקונפטיגע פירער אין פּאָליסי פארמעסט, וואס הייבט ארויס SUNY אונטערגראדואירטע און גראדואירטע פארשונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418